**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/21/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט 'אמעריקאלד' וועט שאפן 60 דזשאָבס אין נייע 41 מיליאן דאלערדיגע דאנקורק ווערהאָוס איינריכטונג**

***פראיעקט שטיצט ראיאנישע עסנווארג פראדוקציע און פאבריצירונג אינדוסטריע***

***זעט ווידעאו פון פראיעקט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז 'אמעריקאלד' האט געענדיגט קאנסטרוקציע אויף א 181,000-סקווער-פיסיגע קאלטע סטאָרעדזש דיסטריביושען איינריכטונג אויף אומגעפער 28 עיקערס אין דעם טאון דאנקורק אין טשאטאקווא קאונטי. דער 41 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט וועט שאפן 60 נייע דזשאָבס, אין צוגאב צו די 250 קאנסטרוקציע דזשאָבס געשאפן צו בויען די איינריכטונג, וועלכע וועט באזארגן העכסט-נויטיגע קאלטע סטאָרעדזש פאר'ן סופליי-טשעין אין דעם אומגעגנט.

"ניו יארק סטעיט איז דערפרייט צו שטיצן די 'אמעריקאלד' וואוקס און פאראויס-ציען עקאנאמישע ערהוילונג באמיאונגען אין מערב ניו יארק'ס העכסט-נייטיגע עסנווארג פראדוקציע סעקטאר," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "די עסנווארג און געטראנקען אינדוסטריע וועט ווייטער שפילן א הויפט ראלע אין הייבן אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע, און דורך אינאוואציע, קאארדינאציע, און אפרופנדקייט צו קאָנסומער פאדערונגען, וועלן ניו יארקער ביזנעסער ווי 'אמעריקאלד' העלפן פארזיכערן אז מיר וועלן ווייטער פירן דעם לאנד אין טראנספארט און סטאָרעדזש."

די עסנווארג און געטראנקען אינדוסטריע איז א באדייטנדע און סטאבילע ביישטייערער צו דער יו-עס עקאנאמיע; עס שפילט א פירנדע ראלע אלס אן ארבעטסגעבער אין פילע ראיאנישע עקאנאמיעס. די אינדוסטריע'ס ווירקזאמקייט, כסדר'דיגע אינאוואציע במשך די יארן, און אפרופנדקייט צו ענדערנדע קאָנסומער פארלאנגען האט געהאלפן פארזיכערן די צוגענגליכקייט און הויכע קוואליטעט פון די אמעריקאנער עסנווארג סופליי, ווי אויך די פארמעסטערישקייט פון אמעריקאנער עסנווארג עקספארטן. דער 'אמעריקאלד' פראיעקט איז א ביישפיל פון וויאזוי די הויפט עקאנאמישע אקטיוויטעט פון עסנווארג פראדוקציע שאפט ווערדפולע צווייטנסטיגע אימפאקטן מיט אירע געברויכן פאר סטאָרעדזש און טראנספארט — וועלכס האט אן אפקלאנג איבער די ארטיגע און ראיאנישע עקאנאמיעס, שאפנדיג נאך איינקונפטן און באשעפטיגונג פאר ביזנעסער.

**'עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט' פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** "מיר ווילן זיכער מאכן אז מערב ניו יארקער עסנווארג פראדוקציע אינדוסטריע טוט ווייטער בליען. דער ברייטער 'אמעריקאלד' ווערהאָוס פראיעקט וועט טרייבן עקאנאמישע אויפשטייג אין טשאטאקווא קאונטי און לענגאויס דעם ראיאן, שטיצנדיג ארטיגע פראדוצירער מיט פארברייטערטע סטאָרעדזש און טראנספארט לייזונגס-מיטלען און שאפנדיג נייע דזשאָבס וועלכע וועלן העלפן פארזיכערן א ליכטיגערן צוקונפט פאר יעדן."

**ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט׳ פּאַרזיצער דזשאָן אר. קאָעלמעל האָט געזאָגט,** ״דער ׳ניאַגאַראַ פּאַווער פּראָיעקט׳ איז אַ גרונטשטיין פאַר עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אין מערב ניו יאָרק וואו עס טוט דירעקט שטיצן צענדליגע טויזנטער דזשאָבס. מיר ביי NYPA שטאָלצירן זיך צו שטיצן ׳אַמעריקאַלד׳ אויף צו קענען אַוועקשטעלן אַ נייע קאַלטע סטאָרעדזש איינריכטונג אין דאַנקורק וועלכע וועט שאַפן 60 דזשאָבס און צושטעלן סטאָרעדזש פאַר ׳וועלס ענטערפּרייזעס׳, אַ גרויסע אייז קרעם פּראָדוצירער און NYPA פּאַווער קליענט.״

׳אַמעריקאַלד׳ טוט אָנבאַטן אַן אַרומנעמיגע טעמפּעראַטור-קאָנטראָלירטע סטאָרעדזש און דיסטריביושען נעץ וועלכס איז געשטיצט דורך די מערסט-פאָרגעשריטענע טעכנאָלאָגיע. שוין באַלד 120 יאָר וואָס ׳אַמעריקאַלד׳ באַזאָרגט טעכנאָלאָגיע-באַזירטע אינדזשינערטע לייזונגס-מיטלען פאַר דער טעמפּעראַטור-קאָנטראָלירטע סופּליי-טשעין אינדוסטריע — שטיצנדיג יעדן פון אַרטיגע אַרטיזאַנער ביז ראַיאָנישע גראָסערי סטאָרס, און פון נאַציאָנאַלע עסנוואַרג פּראָדוצירער ביז אינטערנאַציאָנאַלע עסנוואַרג און געטראַנקען אָרגאַניזאַציעס. ׳אַמעריקאַלד׳ סערוויסעס רעכענען אַריין בלעסט פרירונג און פּאַרמילדערונג, פּאַרקעסטלען, לעיבעל׳ען, דאַטום-קאָדירן און איבערפּאַקן אויף נאָכצוקומען די געברויכן פון איר אַלוועלטליכע קאַסטומער באַזע.

**דזשאַרדזש שאַפּעל, הויפּט עקזעקיוטיוו באַאַמטער ביי ׳אַמעריקאַלד׳, האָט געזאָגט,** ״׳אַמעריקאַלד׳ שטאָלצירט זיך מיט די קריטיש-וויכטיגע ראָלע וואָס מיר שפּילן אין דער עסנוואַרג סופּליי-טשעין. מיר זענען אַנטשלאָסן צו באַזאָרגן העכסטראַנקיגע סערוויס צו אונזערע קאַסטומערס בשעת מיר העלפן זיי שפּייזן דער וועלט. די איינריכטונג אין דאַנקורק, וועלכע איז אונזער ערשטע אין מערב ניו יאָרק, וועט אונז העלפן בעסער סערווירן אונזערע קאַסטומערס אין דעם געגנט און ערפילן אונזער אויפגאַבע. מיר זענען באַגייסטערט צו זיין אַ טייל פון דער קאָמיוניטי און פאַרברייטערן אונזער אַנוועזנהייט אין דעם סטעיט.״

צו מוטיגן ׳אַמעריקאַלד׳ צו בויען אין ניו יאָרק סטעיט, האָט ׳עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט׳ אָנגעבאָטן פאַר׳ן קאָמפּאַני ביז 700,000 דאָלער אין אויספיר-באַזירטע שטייער קרעדיטס דורך דער עקסעלסיאָר דזשאָבס פּראָגראַם אין אויסטויש פאַר׳ן שאַפן 60 פול-צייטיגע דזשאָבס. אין צוגאָב טוט דער ניו יאָרק פּאַווער אויטאָריטעט צושטעלן 830 קילאָוואַטס פון נידעריגע-קאָסט ניאַגאַראַ הײדראָ-ענערגיע.

**סטעיט סענאַטאָר דזשאָרדזש באָרעלאָו האָט געזאָגט,** ״עס איז דערקוויקנד צו זען אַ גרויסע פּראָיעקט אויף וועלכע מיר האָבן געאַרבעט מיט סטעיט און אָרטיגע באַאַמטע אויף איבער אַ יאָר קומען צו דער ווירקליכקייט. די נייע ׳אַמעריקאַלד׳ קאַלטע סטאָרעדזש איינריכטונג וועט שטיצן וואוקס און פאַרברייטערונג אין די אָרטיגע עסנוואַרג פּראָדוקציע אינדוסטריע און גלייכצייטיג שאַפן 60 נייע גוט באַצאָלטע דזשאָבס. די לעצטע אינוועסטירונג אין אונזער ראַיאָן דורך אַ פאָרטשון 500 קאָמפּאַני באַשטעטיגט אונזער ראַיאָן׳ס ערשטראַנקיגע אַרבעטסקראַפט און אַנטשלאָסנקייט צו סטראַטעגישע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג. מיין דאַנקבאַרקייט גייט צו גאָווערנאָר האָקול, קאָמיסיאָנערין נייט און אַלע וועלכע האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין דעם זיג.״

**אַסעמבלי-מיטגליד ענדי גודעל האָט געזאָגט,** ״די ׳אַמעריקאַלד׳ 40 מיליאָן דאָלערדיגע סטעיט-אָוו-דע-אַרט איינריכטונג וועט שפּילן אַ וויכטיגע ראָלע אין באַזאָרגן אַ רחבות פון העכסט-נייטיגע קאַלטע סטאָרעדזש פאַר די דערנעבנדע ׳וועלס ענטערפּרייזעס׳ אייז קרעם פּראָדוצירונג פאַבריק, פאַרשטערקערנדיג דערביי אונזער אָרטיגער עקאָנאָמיע און באַזאָרגן צענדליגע נייע דזשאָבס און פאַרברייטערן אונזער שטייער באַזע. דער פּראָיעקט שפּיגלט אָפּ די פאַראייניגטע באַמיאונגען פון ׳אַמעריקאַלד׳ מיט די הילף און שטיצע פון גאָווערנאָר האָקול, די טשאָטאָקוואַ קאָונטי IDA, ניו יאָרק פּאַווער אויטאָריטעט, ׳נעשענעל גריד׳, עמפּייער דעוועלאָפּמענט און פילע סטעיט און אָרטיגע באַאַמטע.״

**טשאטאקווא קאונטי עקזעקיוטיוו פאול ווענדעל דזשוּניאר האט געזאגט,** ״איך בין באגייסטערט צו זען דעם נייעם עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקט קומען צו דער ווירקליכקייט. די הצלחה פון ׳אמעריקאלד׳ וועט שטיצן דאס שטייגן פון אנדערע ארטיגע ביזנעסער וועלכע וועלן קענען ניצן דער איינריכטונג צו האלטן זייערע פראדוקטן.״

מער אינפארמאציע איבער ׳אמעריקאלד׳ קען מען געפונען אויף [www.americold.com](http://www.americold.com).

**איבער ״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״**
׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ (ESD) איז ניו יארק׳ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. דער מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אנטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפן און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען גאווערנער האוקול׳ס ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די ׳איי לאָוו ניו יארק׳ קאמפיין, די סטעיט'ס אייקאנישע טוריזם צייכן. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳, באזוכט [www.regionalcouncils.ny.gov](http://www.regionalcouncils.ny.gov) און [www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418